# בארגען א סוכה

סוכות | אמר | ראה

סוכה שאולה / לולב שאולה / סוכה גזולה
בעלות בדבר הנשאל / קנין הגוף וקנין פרות / אחדות ישראל

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

אין מסכת סוכה[1] ברייגנט די גמרא אַ מחלוקת תנאים: "תניא רבי אליעזר אומר כשם שאין אדם יוצא ידי חובתו ביום טוב הראשון של חג בלולבו של חבירו דכתיב[2] ולקחתם לכם ביום הראשון וגו' משלכם, כך אין אדם יוצא ידי חובתו בסוכתו של חבירו דכתיב[3] חג הסוכות תעשה לך וגו' משלך. (מיר האָבן געלערנט, רבי אליעזר זאָגט, פונקט ווי מען איז ניט יוצא מצות לולב אין דעם ערשטן טאָג פון חג הסוכות מיט אַ לולב פון אַ חבר, ווי עס שטייט אין פסוק ולקחתם לכם, אַז עס דאַרף זיין דיינע, אַזוי אויך איז מען ניט יוצא מיט אַ חבר'ס אַ סוכה, ווי עס שטייט אין פסוק חג הסוכות תעשה לך, עס דאַרף זיין דיינע.)

"וחכמים אומרים . . יוצא אדם בסוכתו של חבירו דכתיב[4] כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, מלמד כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת. (חכמים זאָגן אַז מען איז יאָ יוצא בסוכתו של חבירו, ווייל עס שטייט אין פסוק כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, אַז אַלע אידן זיינען ראוי צו זיצן אין איין סוכה.) וואָס פון דעם לערנט מען אַרויס אַז אויב מען זיצט אין אַ סוכה וואָס מען האָט געבאָרגט איז מען יוצא.

פרעגט די גמרא "ורבנן האי לך מאי דרשי בי'?" (וואָס לערנען די חכמים אַרויס פון דער וואָרט "לך?)"

ענטפערט די גמרא "מבעי לי' למעוטי גזולה, אבל שאולה כתיב כל האזרח". (מען דאַרף דעם פסוק צו ממעט זיין אַז מען איז ניט יוצא מיט אַ גע'גזל'טע סוכה, אָבער מיט אַ געבאָרגטע סוכה איז מען יע יוצא, ווי עס שטייט "כל האזרח.)"

ווי מען לערנט בפשטות, האַלטן די חכמים אַז וויבאַלד עס שטייט "כל האזרח בישראל ישבו בסוכות," לערנט מען אַז למסקנא דאַרף די סוכה

1. כז, ב
2. אמור כג, מ
3. ראה טז, יג
4. אמור כג מב

ניט זיין דיינע, און דער וואָרט "לך" קומט אונז לערנען נאָר אַז עס טאָר ניט זיין אַ גע'גזל'טע סוכה. און אַזוי לערנט תוספות[5] בפירוש.

רש"י[6] אָבער איז מפרש באופן אחר "דמשמע סוכה אחת לכל ישראל שישבו בה בזה אחר זה ואי אפשר שיהי' לכולן דלא מטי שוה פרוטה לכל חד אלא על ידי שאלה." (פון דער פסוק איז משמע אַז אַלע אידן קענען זיצן אין איין סוכה, און עס איז ניט שייך אַז עס זאָל זיין אַ שוה פרוטה פאַר יעדן אידן, נאָר ווען יעדער איינער באָרגט פון דעם צווייטן זיין חלק.)

דער לבוש[7] לערנט פשט אין רש"י אַז פון דעם פסוק "כל האזרח" לערנט מען אַרויס אַז דורך שאלה - באָרגן, ווערט דער סוכה "שלך" - דיינע.

> דער מנחת חינוך[8] לערנט פשט אין רש"י אַנדערש, און ער האַלט אַז אויך לויט רש"י דאַרף אַ סוכה נישט זיין דיינע.

ב אין שולחן ערוך[9] שרייבט דער אַלטער רבי "אף על פי שאמרה תורה חג הסוכות תעשה לך, לך משלך ולא של חבירך, אף על פי כן יוצא אדם ידי חובתו בסוכה שאולה דכיון שנכנס לה ברשות הרי היא כשלו." (כאָטש אַז אין תורה שטייט אַז אַ סוכה דאַרף זיין שלך - דיינע, פונדעסטוועגן איז מען יוצא מיט אַ סוכה שאולה. ווייל ווען ער איז אַריין אין סוכה איז דאָס געווען מיט רשות, דערפאַר ווערט די סוכה ווי זיינע.)

פון דעם זעט מען אַז דער אַלטער רבי האַלט אַז כאָטש אז אַ סוכה מוז זיין שלך, פונדעסטוועגן איז אויך אַ סוכה שאולה "שלך", וויבאַלד ער איז דאָרטן אַריין מיט רשות הייסט דאָס "שלך".

5. ד"ה כל האזרח
6. ד"ה כל האזרח
7. סי' תרלז סעיף ב'
8. מצוה שכה ס"ק ט'
9. סימן תרלז סעיף ב'

לויט דעם אופן ווי מ׳לערנט פשט אין רש״י ווערט שווער: די הלכה איז, אַז וויבאַלד אַז עס שטייט בנוגע צו די ד׳ מינים ״ולקחתם לכם ביום הראשון״ מוזן די ד׳ מינים זיין שלכם. און די הלכה איז אַז מען איז ניט יוצא מיט אַ לולב שאולה, נאָר, אַז אויב מען נוצט אַ לולב וואָס באַלאַנגט צו אימיצן אַנדערש, דאַרף מען עס באַקומען במתנה.

לכאורה לויטן ביאור פון דער אַלטער רבי, אַז ביי אַ סוכה שאולה ״הרי היא כשלו,״ און מען איז יוצא, כאָטש די תורה זאָגט אַז עס דאַרף זיין שלך, וואָלט לויט דעם געדאַרפט זיין דער זעלבער דין אַז מען איז יוצא אויך מיט אַ לולב שאולה!?ג

ג לכאורה וואָלט מען געקענט ענטפערן, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע אופנים און ״מדריגות״ אויף וויפיל אַ זאַך קען זיין ״דיינער״.

ד ווי מען געפינט אין הלכה אַז עס איז פאַראַן אַ חילוק צווישן קנין הגוף און קנין הפירות, דאָס הייסט אַז אַ מענטש קען קויפן אַ פעלד און עס ווערט אינגאַנצן זיינע, און ער קען קויפן אַ פעלד אַז נאָר די פירות וואָס וואַקסן פון דעם פעלד זיינען זיינע. וואָס אויך דאַמאָלסט ווערט די פעלד גערעכנט אַלס זיינע פאַר געוויסע דינים. אָבער ניט אינגאַנצן, ווי ביי קנין הגוף. על דרך זה קען מען זאָגן בנוגע צו אַ סוכה שאולה:

כאָטש אַז די סוכה מוז זיין דיינע (ווייל עס שטייט ״לך,״) פונדעסטוועגן לערנט מען אַרויס פון דער פסוק ״כל האזרח״ אַז אויך אַ סוכה שאולה ווערט גערעכנט אַלס דיינע. דאָס הייסט, אַז אַ געבאָרגטע זאַך ווערט צו אַ געוויסער מאָס גערעכנט אַלס דיינער, און ביי סוכה איז דער פסוק מרבה אַז אויך די מאָס פון בעלות איז גענוג אויף יוצא זיין די מצוה.

מה שאין כן ביי ד׳ מינים שטייט ערגעץ ניט אַז די בעלות פון שאלה - באָרגן, איז גענוג, און דעריבער דאַרף מען האָבן אַ גאַנצער בעלות. און מען איז ניט יוצא מיט אַ לולב שאולה.

מען קען אָבער אַזוי ניט לערנען, ווייל פון דער לשון פון דער אַלטער רבי ווייטער אין שולחן ערוך איז קלאָר אַז דער אַלטער רבי האַלט אַז אַ סוכה שאולה ווערט אינגאַנצן זיינע.

ווייטער אין סעיף י"א שרייבט דער אַלטער רבי "לכתחילה אין לישב בסוכה העומדת בקרקע של חבירו מפני שאינו נקראת שלו ממש והתורה אמרה תעשה לך משלך, ואינה דומה לשאלה ממש שהשאילה לו מדעתו והרי היא כשלו ממש"!

> לכתחילה זאָל מען ניט זיצן אין אַ סוכה וואָס שטייט אויף אַ קרקע וואָס באַלאַנגט צו אַ צווייטן, ווייל דאָס הייסט ניט "שלו ממש," און די תורה זאָגט אַז די סוכה מוז זיין זיינע! און עס איז ניט ענלעך צו אַ סוכה שאולה, ווייל דאָרטן האָט ער אים עס געבאָרגט מדעתו און עס ווערט ווי ס'איז זיינע ממש!

אויב באָרגן פועל'ט אַז עס ווערט זיינע ממש, ווערט צוריק די קשיא, פאַרוואָס ביי ד' מינים, ווען איינער באָרגט פון אַ חבר, איז ער ניט יוצא ווייל עס הייסט נישט "שלך?"

ד ויש לומר: פון דער פסוק "כל האזרח בישראל ישבו בסוכות" לערנט מען אַרויס גאָר אַ גרויסער חידוש: כאָטש אַז בדרך כלל ווען מען באָרגט עפּעס, ווערט עס ניט זיינע, דאָ איז די תורה מחדש אַז ביי אַ סוכה ווערט שאולה גערעכנט ווי עס איז ממש זיינע!

די הסברה אין דעם איז, בדרך כלל ווען מען באָרגט עפּעס פון אַ צווייטן אויף אַ געוויסער נוצן, מעג מען טאָן מיט די זאַך נאָר דאָס וואָס מען האָט צוליב דעם געבאָרגט. קומט אויס אַז דער ענין פון שאילה איז, די זאַך באַלאַנגט צו איינעם, נאָר אַ צווייטער מעג עס נוצן אויף אַ געוויסער נוצן. און דעריבער איז די הלכה ביי ד' מינים אַז מען איז ניט יוצא מיט אַ לולב שאולה, ווייל עס איז ניט זיינע.

> נאָר די הלכה איז (לויט געוויסע שיטות) אַז אויב מען באָרגט אַ לולב פון אַ צווייטן אויף מקיים זיין די מצוה פון נטילת ד' מינים איז מען יוצא, וויבאַלד אַז דער בעל הבית פון דער לולב וייסט אַז דער צווייטער וויל מיט דעם מקיים זיין די מצוה גיט ער אים די ד' מינים במתנה על מנת להחזיר.

ביי סוכה איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער חידוש: עס שטייט "בסוכות תשבו שבעת ימים" זאָגן חז"ל "תשבו כעין תדורו," אַז מען וואוינט אין סוכה פונקט ווי מען וואוינט אין אַ שטוב דער גאַנצער יאָר. דאָס הייסט, אַז ווען איינער באָרגט פון אַ צווייטן אַ סוכה, באָרגט ער ניט עפּעס בכדי אַז ער זאָל דאָס קענען נוצן אויף אַ געוויסע זאַך, נאָר, אַז דאָרטן זאָלן ער קענען "לעבן," ער זאָל קענען דאָרטן טאָן וואָס נאָר ער וויל. דעריבער ווען ער באָרגט אַ סוכה פון אַ צווייטן ווערט עס ממש ווי עס איז זיינע!

דערפאַר, כאָטש וואָס לגבי לולב זאָגט מען אַז אַ לולב שאולה איז ניט "לכם," ביי סוכה אָבער, איז אַ סוכה שאולה "גענוג" זיינע אויף צו יוצא זיין דער חיוב פון "לך."

**ה**עס ווערט ערקלערט אין חסידות אַז דער ענין פון "כל האזרח בישראל ישבו בסוכות" וואָס פון דעם לערנט מען אַרויס אַז "כל ישראל ראויין לישב בסוכה אחת", איז דער ענין פון אחדות צווישן אידן.

אין אחדות איז פאַראַן בכללות צוויי מדריגות, די אחדות וואָס מען לערנט אַרויס פון ד' מינים און די אחדות פון סוכה. דער חילוק צווישן די צוויי מדריגות איז, די ד' מינים זיינען פיר פאַרשידענע מינים וואָס מען בינדט זיי צוזאַמען, וואָס דער ענין אין אחדות איז, אַז יעדער איד איז אַנדערש פון אַ צווייטן איד, נאָר זיי ווערן פאַראייניציקט, און זיי אַנערקענען אַז יעדער איד איז ניט באַזונדער פון אַ צווייטער אידן.

פון סוכה לערנט מען אַרויס, אַז עס דאַרף זיין אַ העכערער אופן אין אחדות, אַז אַלע אידן זיינען איין זאַך ממש. און דעריבער איז דער דין אַז כאָטש אַז די סוכה איז געבאָרגט פון אַ צווייטן איד'ן פונדעסטוועגן ווערט עס גערעכנט ווי עס איז "כשלו ממש!"

על פי ליקוטי שיחות חלק י"ט חג הסוכות שיחה א'

# קיצור לחזרה

1. מחלוקת ר"א וחכמים אם יוצאים בסוכה שאולה. ב' אופנים בביאור דעת החכמים, תוספות - בסוכה אין צריכים שיהי' שלו. רש"י - שאולה הרי היא כשלו.

2. אדה"ז מפרש כרש"י. וקשה מאי שנא לולב שאול שאינו יוצא, מסוכה שאולה שיוצא בה ידי חובתו.

3. ביאור בדרך אפשר, בסוכה אין צריכים שיהי' שלו ממש. מה שאין כן בלולב. ופירוכו, מלשון אדה"ז מוכח שבסוכה הוה שלו ממש.

4. ביאור, חידוש מיוחד בסוכה, אף שהיא שאולה מכל מקום כיון ששואלו על מנת שיהי' לו "כעין תדורו" הרי זה כשלו ממש לכל ענין.

5. הוראה מדין זה שאחדות צריך להיות באופן שאין שום חילוקים בישראל.